יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 39 | Łódź, Środa, 14 lutego 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כ״ט שבט תרצ״ד | № 39

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# עסטרייך אין פייער פון רעוואלוציע

װיען, 13. (ספ. טעל.) די געשעענישען אין לינץ האבען אנגעצינדען א בירגער־קריג אין גאנץ עסטרייך, וואס עס איז געשעהן אין משך פון נעכטען דינסטאג, ברענגען די דעפעשען פאלגענדע ידיעות:

## אין װיען

װיען, 13. (ספ. טעל.) די צייטונגען זענען אין דער פריה דערשינען.

די „ארבייטער צייטונג" און דאס „קליינע בלאט" זענען ב׳שם דערשינען. די גרעסטע צאהל רעדאקטא־רען פון דער „ארבייטער צייטונג" זענען ארעסטירט. די צייטונגען ברענגען נאר אפיציעלע קאמוניקאטען.

די געגענד ארום דער פאליציי־דירעקציע זעהט אויס ווי א קריגס־פלאץ, דאס מיליטער קאנטראלירט זעהר שטרענג יעדען פארבייגעהער.

די טראמווייען און אויטאבוסען קורסירען ווײ־טער נישט. דער „פאטערלאנד פראנט" ארגאניזירט א „טעכנישע הילף".

עס זענען ארגאניזירט געווארען פערבינדונגס־ליניעס, דורך וועלכע די רעגירונג בעקומט ידיעות פון די פראווינציאנעלע שטעט, ווייל אויף א סך ער־טער זענען די טעלעפאנען געווארען איבערגעריסען.

די „טעכנישע הילף" מיט א טייל פון נארמאלען פערסאנאל האבען געלאזען אין גאנג טילוויע, די עלעקטראווניע, פאסט, טעלעגראף, גאזאווניע און באהן.

הימוועהר האט ארגאניזירט אלע כחות. א טייל פון זיי נעהמען נישט אנטייל אין די קאמפען און א טייל זענען צוטיילט געווארען אויף ארבייטס ערטער, וואס זענען פערלאזען געווארען דורך סאצ־יאליסטען.

די געוועלבער זענען פערמאכט. אויפן בע־פעהל פון פאליציי האט מען נאך געעפענט די לער־בענס־מיטעל געוועלבער.

דער צענטער פון שטאט איז בעזעצט פון פאליציי און מיליטער. און די פארשטעט געפינען זיך אין דער קאמף.

א גאנצע נאכט און גאנץ פארמיטאג, האט מען געהערט פון די ארבייטער־קווארטאלען א שיסעריי.

דער הויפט־קאמף קומט פאר אין אטאקרינג ארום די בלאקען ארבייטער־הייזער, און דעמבלינג איז דער מארקס־האף פערוואנדעלט געווארען אין א פעסטונג.

אויפין דאך האט מען אויפגעשטעלט מאשין־געווער. דאס מיליטער האט מיט שטורם פערנומען די געביידע, באלד האבען אבער די ארבייטער צוריק פערנומען דאס הויז.

װיען, 13. (ספ. טעל.) אין דער אקציע קעגען די סאציאליסטען נעמען אנטייל די פעלד־באטעריעס, הויביצעס, פאנצער־צוגען און פאנצער־אויטאמא־בילען.

גרויסע פערלוסטען צווישען די סאציאליסטען האבען אנגעמאכט די מינע־ווארפערס.

װיען, 13. (ספ. טעל.) 8 א זייגער אין דער פריה האט דאס מיליטער אנגעהויבען א בייזעם

## שטורם אויף דעם מארקס־האף

איצט הויז האבען זיך געשיסט גראנאטען, פון צוויי פעלד־הארמאטען, צוויי הויביצעס און איניגע מינע־ווארפערס.

פון די פענסטער ענטפערט מען אפט מיט מא־שין־געווער.

די זעלבע סיטואציע איז אויך אין קווארטאל אטאקרינג, וואס עס קומען פאר קאמפען ארום די בעצירקען, ארבייטער־הייזער, און וועלכע עס גע־פונען זיך דער ארבייטער־היים און זאנדלייטען.

מאנגעלב ביינאכט האט דאס מיליטער פערנו־מען א טייל פון די הייזער און פאר־מאגט זענען זיי פון דארט פערטריבען געווארען און פאר־מיטאג קומען דארט פאר ווייטערדיגע קאמפען.

װיען, 13. (ספ.) פון היינט אין דער פריה אן פיהרען זיך

## אין פערשידענע שטאט־טיילען פערביטערטע קאמפען

דער פאליציי צוזאמען מיט מיליטער האט זיך אנגעטעבען צו בעזעצען דעם בנין פון סאציאליסטי־שען פערבאנד אין אטאקרינג. דער קאמף ביים פער־נעמען די פלאצוובקע האט געדויערט 24 שעה. אין דער געגענד זאנדלייטען, האבען זיך היינט ווידער בעוויזען די קאמפען, די וואוין־הייזער זענען בעזעצט מיט די מיטגלידער פון שוץ־בונד.

ביי די היינטיגע קאמפען זענען אומגעקומען 10 פאליציאנטען און א פאליציי־קאמענדאנט. אין דער געגענד פון פלאָרידסדארף, האט מען גענומען ארעסטירען, געפאנצערטע אויטאמאבילען, אונטער וועלכע סיהאבען זיך פערבאריקאדירט די היימוועהר און אזוי ארום זיך געוועהרט געגען די סאציאליסטען. אין דער געגענד פון מיידלינג האבען די קאמפען געדויערט א גאנצע נאכט. פארטאג איז די סאציא־ליסטען געלונגען ארויסצושטויסען די פאליציי און סיטמיליטער פון די עפענטליכע געביידע, ערשט מי־טאג־צייט זענען די געביידעס צוריק איבערגענומען געווארען.

## מיטאג־צייט

װיען, 13. (ספ.) מיטאג־שעה, סיהערט זיך א האר־מאטען־שיסעריי, די סאציאליסטען פערבארי־קאדירענדיג זיך אין פלאָרידסדארפער פער־באנד־בנין, האבען אפגעווארפען דעם אולטימאטום אונ־טערצוגעבען זיך ביז 12 מיטאג. צו דעם פער־באריקאדירטען בנין איז צוגעפאהרען א באטעריע ארטי־

(ווייטער זעה 7־טע זייט)

נאך קורצע ליידען איז נעכטען פריה געשטארבען אין עלטער פון 70 יאהר, מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גראסטאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

נ״ע שאול ב״ר משה ז״ל פיין

גרינדער און מיטאינהאבער פון דער פירמע ש. פיין און קאמפ. בירגער פון דער שטאט לאדז.

די לויה איז פארגעקומען נעכטען 3 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער־הויז זשידאווסקא 26 (מרדכי גבאי׳ס גאס), וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נאך קורצע ליידען איז נעכטען געשטארבען און דעמזעלבען טאג צו קבורה געקומען דער גרינדער און שעף פון אונזער פירמע ש. פיין און קאמפ.

נ״ע שאול פיין

אין פערשטארבענעם פערלירען מיר דעם שעפער פון אונזער פירמע, וועלכער האט מיט אן׳אונערמידליכער ענערגיע פון ארבייט פריכטבאר געלייסטעט מיט אונזער אונטערנעהמונג. מיט געפיהל פון טיפסטען ווהטאג געזעגנען מיר איהם, אונזער אונפערגעסליכען פריינד און ליכטיגען ראטגעבער. זעמענס אנדענק וועט שטענדיג בלייבען אין אונזער זכרון.

פירמע ש. פיין און קאמפ.

אחרי מחלה כברה וממושכה גועה ונאספה אל עמיה, אמנו היקרה, חמותנו, זקנתנו, גסתנו ודודתנו האשה החשובה והצנועה

נ״ע רעדע אשת ר׳ נתן ז״ל

סענדאווסקא

(בת ר׳ משה טושינסקי ז״ל הנקרא משה אהרן טושינער מפיעטריקוב)

בשנת ה 76 לימי חייה.

הלויי למנוחת עולמים תהי׳ היום ביום ד׳ פ׳ תרומה (14 פעברואר) 1934 בשעה 12 בצהרים ממעונה אל 1 מאי 10/12.

השרויים בצער עמוק ובאבל קודר משפחתה המתאבלת.

נאך קורצע ליידען איז נעכטען געשטארבען און דעמזעלבען טאג צו קבורה געקומען אונזער אונפערגעסליכער און טרייער שעף

נ. ע. שאול פיין

אין פערשטארבענעם פערלירען מיר א געוויסענהאפטען און איבערגעגע־בענעם ראטגעבער, וועלכער האט שטענדיג פערשטאנען אפצושאצען אונזער ארבייט לטובת דער פירמע.

עהרע זיין אנדענק!

Personel i Pracownicy Fabryczni
F-my SZ. FEIN i S-ka w Łodzi

